ראש השנה
תשפ"ז
גליון ר"י
שנה ו'

# פון פלאצקער גאון

## הגאון רבי ארי' לייב צינץ זי"ע

## אויף אידיש

געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

### די תקיעת שופר ווייזט אז כלל ישראל וויל גיין אין די דרכי האבות

**תִּקְעוּ בַחֹדֶשׁ שׁוֹפָר בַּכֶּסֶא לְיוֹם חַגֵּנוּ כִּי חֹק לְיִשְׂרָאֵל הוּא מִשְׁפָּט לֵאלֹקֵי יַעֲקֹב.**

די גמרא זאגט (ר"ה ח:), אז פון דעם וואס עס שטייט "**כי חק לישראל הוא**" ווייס איך נאר אז עס איז א יום דין פאר די אידן, פון ווי ווייס איך אז עס איז א משפט אויך פאר די גויים? זאגט דער פסוק ווייטער "**משפט לאלקי יעקב**" און דאס גייט ארויף אויף די אומות העולם.

לכאורה איז עס שווער צו פארשטיין, ווייל פון די לשון יום '**חגינו**' איז משמע אז דער טאג איז נאר אונזער יום טוב, איז וואס האט די טאג צו טוהן מיט די אומות העולם?! אזוי אויך איז שווער, וואס האט דאס **שופר בלאזן** מיט די אומות העולם, ווייל פון די לשון הפסוק איז משמע, אז די סיבה פארוואס מען זאל בלאזן שופר איז ווייל די טאג איז א משפט פאר די גוים?!

קען מען דאס מסביר זיין מיט א משל, פון א הערשער וואס האט געהאט א געטרייען ארענדאר וואס האט זיך אויפגעפירט צו אים מיט א געוואלדיגע נאמנות, און דער שר האט אים זייער ליב געהאט און ער פלעגט אים צושטעלן אלע זיינע פריוואטע געברויכן, און אזוי אויך פלעגט ער אים צושטעלן די תבואה מיט וואס ער פלעגט איינזייען זיינע פעלדער.

ווען דער ארענדאר איז אוועק פון דער וועלט האט ער איבערגעלאזט צוויי זין, איינער איז געווען א ארנטליכער וואס האט זיך אויפגעפירט אזוי ווי זיין טאטע, און דער צווייטער איז געווען א פראסטער יונג און א זולל וסובא וואס איז נישט געגאנגען אין זיין טאטנ'ס גוטע וועגן.

ווי פארשטייט זיך האט דער הערשער פארטרויעט דעם וואוילן זון און ער האט אים איבערגעגעבן די ארענדע אז ער זאל עס ווייטער פירן, און ער האט אים צוגעזאגט אז ער וועט אים ווייטער צושטעלן אלע זיינע געברויכן אזוי ווי ער פלעגט צושטעלן פאר זיין טאטע, אבער בתנאי אז אויב וועט ער זיך נישט פירן בנאמנות, וועט ער אים אויפהערן צי שענקען די אלע טובות וחסדים, און אנשטאט דעם וועט ער עס געבן פאר זיין ברודער.

ויהי היום און דער ארנטליכער זון האט זיך באנארישט און ער האט זיך אויפגעפירט צי דעם הערשער נישט מיט יושר, און ווי פון פאראויס געווארנט, האט דער הערשער אויפגעהערט אים צי געבן זיינע געברויכן, און אנשטאט דעם האט ער עס געגעבן פאר זיין ברודער, ווי נאר ער האט דאס געזען, איז ער גלייך געווארן איבערגענומען מיט שטארקע חרטה געפילן, און ער איז געגאנגען צו זיינע פריינד מטכס עצה צו זיין, האט מען אים געראטן, אז ער זאל זיך אנטון מיט זיין טאטנ'ס קליידער און אזוי זאל ער זיך גיין שטעלן פאר'ן הערשער, און ווען דער הערשער וועט אים זען גייענדיג אין זיין טאטנ'ס מלבושים וועט זיך אים אוודאי ערוועקן די אלטע ליבשאפט וואס ער האט געהאט צו זייער טאטן, און אז ער וועט זען ווי דער זון וויל מעורר זיין די זכות פון זיין טאטן, און פאר דעם צווייטן זון גייט עס אינגאנצן נישט אן, וועט ער זיכער נתעורר ווערן אז די אלע טובות וחסדים וואס עס קומט זיך זיי אין דעם זכות פון זייער טאטן דארף גיין נאר צו אים, און נישט צו זיין ברודער וועמען עס גייט בכלל נישט אן דאס געדענקעניש פונעם טאטן.

דער נמשל איז, אז אונזערע אבות הקדושים האבן פון שטענדיג אן געדינט געטריי דעם אייבערשטען, און לכבוד דעם האט זיי דער אויבערשטער געגעבן דאס לאנד ארץ ישראל וואס איז געבענטשט מיט אלעם גוטס. פון יצחק אבינו זענען אבער געבליבן צוויי קינדער, יעקב אבינו וואס האט זיך ווייטער געפירט ערליך און איז געגאנגען בדרכי אבותיו, און עשו וואס דער אויבערשטער האט פיינט געהאט ווייל ער איז אוועק געגאנגען פונעם דרך האבות.

איז ווען דער אייבערשטער האט בוחר געווען אין יעקב אין אים מנחיל געווען דאס לאנד מיט אלע אירע גוטס, איז דאס אבער געקומען מיט א תנאי, ווי אין פסוק שטייט (בראשית כז מ) "והיה כאשר תריד ופרקת עולו מעל צווארך" אז אויב כלל ישראל וועט זיך ח"ו נישט פירן גוט וועט די שפע גיין צו עשו, ווי מען זעט ליידער בעו"ה אין דעם ביטערן גלות וואס מיר געפונען זיך אז די גוים האבן איבערגענומען די שפע. איז וואס איז די עצה? אז מיר זאלן נעמען דעם **שופר** וואס דאס דערמאנט דאך די עקידת יצחק, און אונז ווייזן אז נאר אונז ווילן מיר גיין אין זייערע וועגן, אזוי וועלן מיר מעורר זיין אויף אונז די אלטע אהבה פונעם אויבערשטן צו די אבות הקדושים, און נישט די בני עשו וואס זיי זוכן נישט צי האבן א שייכות מיט זייערע דרכים.

און דאס איז פשט אין וואס די גמרא זאגט (ר"ה טז.) "אמרו לפני מלכיות כדי שתמליכוני עליכם, זכרונות שיעלה זכרוניכם לפני לטובה, ובמה בשופר", אז אונז ווערן דערמאנט לטובה פאר'ן אויבערשטן מיט'ן שופר. פארוואס דווקא מיט'ן שופר? ווייל דער שטן וואס ער איז דער שרו של עשו שטעלט זיך אויך ביים משפט, און ער טענה'ט אז די בני עשיו שטאמען אויך פון אברהם און יצחק, און ער וויל אז זיי זאלן באקומען די שפע אין זכות פון די אבות הק', דערפאר בלאזן מיר מיט'ן שופר וואס דאס איז מעורר די זכות פון יצחק וואס האט זיך מוסר נפש געווען ביי די עקידה, און מיט דעם ווערט נתעורר אז די שפע זאל גיין צי די אידן וואס זיי האלטן זיך מיט'ן דרך האבות, און נישט צי

זכות פרנס החודש נתנדב ע"י הרבני הנכבד
הר"ר **יואל מאסרי** הי"ו
לרגל נישואי בתו תחי' למז"ט
זכות הפצת תורת רבינו זי"ע יגן בעדו שהזיווג יעלה יפה ויזכה לבנות בית נאמן בישראל

די אומות העולם וואס זוכן נישט צי האבן א שייכות אין דעם דרך.

און מיט דעם קען מען מסביר זיין די פשט אין פסוק, אז דער פסוק זאגט "**תקעו בחודש שופר**" אז די אידן זאלן בלאזן שופר ראש השנה, פארוואס? "**כי חק לישראל הוא משפט לאלקי יעקב**" ווייל **די גוים** שטעלן זיך דאך אויך צום משפט, און דער שרו של עשו קומט דאך אויך פאדערן אז זיי זאלן באקומען די שפע אין זכות פון יצחק, דערפאר האט די תורה געהייסן אז מיר זאלן בלאזן מיט די **שופר**, און אזוי וועט נתעורר ווערן, אז נאר מיר די אידן ווילן זיך האלטן מיט'ן **דרך האבות**, און ממילא קומט זיך פאר אונז צו באקומען די אלע השפעות אין זייער זכות, און דורכדעם וועט די טאג טאקע זיין "**יום חגינו**" און נישט זייער חג, ווייל נאר אונז וועלן זוכה זיין צו באקומען די השפעות טובות בזכות די אבות הקדושים, און געהאלפן ווערן בכל מילי דמיטב.

**'קומץ המנחה' דרוש מט לר"ה אות ה-ו**

## בשעת ווען מען פארגיסט טרערן זאל מען מתפלל זיין אז דער באשעפער זאל אננעמען אלע אונזערע תפילות

**מְקוּרֵי עַפְעַפֵּי אַזִּיל כְּמַזְחִיל. צְדָקָה אֲקַוֶּה מִמְּךָ וְאוֹחִיל.**

מען קען מסביר זיין דאס ענין דורך א משל, עס איז געווען אמאל א בן מלך וואס האט זיך פארזינדיגט פאר זיין טאטע דער קעניג, און פון גרויס כעס האט אים זיין טאטע פארטריבן פון זיין פאלאץ און אים פארשיקט צו א צווייטע לאנד, זענדיג וואס פאר אן הארבע שטראף ער האט באקומען, האט דער זוהן גלייך חרטה געהאט און געוואלט תשובה טוהן און זיך אומקערן צו זיין טאטע, אבער זייענדיג פארטריבן געווארן פון זיין טאטנ'ס פאלאץ, האט ער נישט געהאט די מעגליכקייט זיך צו דערנענטערן צו זיין פאטער און זיך איינבעטן אז ער זאל אים צוריק מקבל זיין.

האבן זיינע פריינד אים מייעץ געווען, אז ער זאלווארטן אויף א געלעגנהייט ווען די טויערן פון זיין טאטע'ס פאלאץ וועלן זיין אפן, און דאן זאל ער אויסנוצן די געלעגנהייט זיך צי איינבעטן ביי אים, און אוודאי וועט ער נתרצה ווערן און אים צוריק מקבל זיין, האט ער זיי געזאגט, אז זייער עצה איז ממש אוממעגליך, ווייל אפילו ווען די טויערן פון די פאלאץ ווערן געעפנט, ווערן זיי גלייך צוריק פארמאכט, און עס איז נישט מעגליך אז ער זאל אניאגן צי בעטן אלע זיינע בקשות אין אזא קורצע צייט, האבן אים זיינע פריינד געזאגט, אז אין די קורצע צייט וואס די טויערן זענען אפן, זאל ער בעטן פון דעם מלך אז ער זאל אויסהערן זיינע בקשות אין יעדע צייט, און אזוי וועט ער קענען בעטן אלע זיינע בקשות אין יעדע צייט, אן קיין אפהאלט.

די נמשל איז, אז דאס אידיש פאלק זענען נמשל צו בני מלכים וואס זענען געזעצן על המנוחה ועל הנחלה ביים טאט'ן אין פאלאץ בשעת ווען די בית המקדש איז געשטאנען, אבער צוליב זייערע זינד זענען זיי פארטריבן געווארן פון זייער טאטנ'ס הויז, און אלע טויערן זענען געווארן פארשפארט פאר זיי, אזוי אז זיי קענען ניטאמאל צוקומען צי דעם באשעפער און מתפלל זיין פאר אים אויף זייערע באדערפענישן, אבער למעשה האבן זיי אן עצה, ווייל עס איז דא איין טויער וואס איז יא געבליבן אפן פאר זיי, און דאס איז די שער פון די טרערן, ווי די גמרא זאגט (ב"מ נט:) אם שערי תפילות ננעלו, שערי דמעות לא ננעלו, אבער דאך האבן זיי א פראבלעם, ווייל אין די קורצע צייט וואס א מענטש איז מוריד דמעות קען ער נישט אניאגן צי בעטן אלע זיינע תפילות און בקשות, וועגן דעם איז דא אן עצה, אז בשעת וואס מען איז מוריד דמעות, זאל מען מתפלל זיין אז דער רבש"ע זאל אננעמען אלע אונזערע תפילות און אזוי וועט מען קענען מתפלל זיין אויך אין די אנדערע זמנים.

און מיט דעם קען מען מסביר זיין דעם פסוק אין תהלים (ו ט-י) **סורו מִמֶּנִּי כָּל פֹּעֲלֵי אָוֶן כִּי שָׁמַע ה' קוֹל בִּכְיִי, שָׁמַע ה' תְּחִנָּתִי ה' תְּפִלָּתִי יִקָּח**, ווייל די קליפות וואס טוהען פארשפארן די שערי שמים און לאזן נישט אדורך די תפילות ווערן אנגערופן "**פועלי און**", האט דוד המלך געזאגט, **סורו ממני כל פועלי און**, אז די אלע קליפות האבן זיך אפגעטוהן פון מיר און זיי האבן מער נישט קיין כח צי אפהאלטן מיינע תפילות, פארוואס, ווייל "**כי שמע ה' קול בכיי**", ווייל בשעת ווען איך האב געוויינט האט דער רבש"ע געהערט מיין קול, און דאן האב איך מתפלל געווען "**שמע ה' תחינתי ה' תפילתי יקח**" און אזוי האב איך גע'פועל'ט אז זיי זאלן מער קיינמאל נישט קענען אפהאלטן מיינע תפילות, און מיינע תפילות זאלן שטענדיג נתקבל ווערן.

**קומץ המנחה דרוש מז לערב ר"ה אות א**

# ברכת השנה

## נדיבי עמים נאספו

ברכת השנה בזה שלוחה, בכבוד ובהוקרה

לכבוד הנדיבים בעם

**התומכים בהוצאות הגליון השבועי**

ובמיוחד להני תמכין דאורייתא הנכבדים
כל אחד בשמו הטוב יבורך

הרבני הנדיב הנכבד
הר"ר **שלמה פעדער** הי"ו

הרבני הנדיב הנכבד
הר"ר **אברהם דוב יודא הלוי מאנדעל** הי"ו

הרבני הנדיב הנכבד
הר"ר **ישראל אפרים פישל שלעזינגער** הי"ו

הרבני הנדיב הנכבד
הר"ר **דוד לייבוש גוטמאן** הי"ו

הרבני הנדיב הנכבד
הר"ר **שלמה יוסף באש** הי"ו

הרבני הנדיב הנכבד
הר"ר **יואל יצחק מאטצען** הי"ו

הרבני הנדיב הנכבד
הר"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

הרבני הנדיב הנכבד
הר"ר **יואל** ברמ"ד **מאסרי** הי"ו

זכות הפצת תורת רבינו זי"ע יגן
בעדם לזכות לכתיבה וחתימה טובה
בספרן של צדיקים גמורים

**כברכת המערכת**

הגליון נתנדב לע"נ

הרה"ח
ר' **יצחק** ב"ר **שמשון** ע"ה

זכות הפצת תורת רבינו זי"ע
יהא זכר ועילוי לנשמתו

**מנדב צו זיין א גליון לשבוע זוכה צו זיין להבטחת הצדיק, אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות, ביטע זיך ווענדן צו.**
gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org | (929) 260-4868